**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/18/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אפיציעלע עפענונג פון 32 מיליאן דאלארדיגע 90,000 סקווער-פיסיגע INSPYRE INNOVATION HUB אין סירעקיוס'ס שטאט-צענטער

***קאנסטרוקציע פון ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע ביזנעס 'אינקיובעיטאר' איז געשטיצט געווארן דורך 16.6 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך די 'אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו'***

***דאס אינוועסטירן אין נייע סארטן געדאנקען שטיצט דעם ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

***בילדער פון INSPYRE Innovation Hub פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אפגעצייכנט די פייערליכע עפענונג פון די נייע INSPYRE Innovation Hub דורך CenterState CEO אין די שטאט-צענטער פון סירעקיוס. די מערערע-שטאקיגע איינריכטונג, אין די פארגאנגענהייט באקאנט אלס The Tech Garden, איז די גרעסטע ביזנעס 'אינקיובעיטאר' (פלאץ וואו העלפט פרישע ביזנעסער וואקסן) אין ניו יארק סטעיט. דער פראיעקט האט אריינגערעכנט א צוגאב פון נאך צוויי שטאק צו די עקזיסטירנדע געביידע; רענאוואציעס צו די עקזיסטירנדע פלאץ פון די איינריכטונג; מאדערניזירונגען צו די אויפן-ארטיגע מעכאנישע און סעקיוריטי סיסטעמען; א נייע 5,000-סקווער-פיסיגע טעראסע אויפן דאך צוגענגליך פאר קליענטן; א 3,000-סקווער-פיסיגע באגעגעניש צימער; פריוואטע טענאנט אפיסעס פאר נאך 35 סטאַרט-אָפּ מיטגלידער; פלעצער צו ארבעטן צוזאמען; און איבערגעבייטערטע הארדוועיר פלאץ פאר פראטאטייפ און פראדוקט אנטוויקלונג; און א נייע אריינגאנג. די איבערגעבייטערטע איינריכטונג דינט אלס די צענטער פון סירעקיוס'ס 'City Center Innovation Hub' (שטאט צענטער ערפינדונג האָב), א הויפט באשטאנדטייל פון די Syracuse Surge ('סירעקיוס אויפשטייג') עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע, און עס וועט דינען אלס די פלאץ פאר נייע ביזנעסער צו אריינקומען אין די "Innovation Alley" (ערפינדונג געסל) אויף Warren Street אין סירעקיוס.

"CenterState CEO'ס נייע INSPYRE Innovation Hub איז א קריטישע טייל פון אונזערע באמיאונגען צו מאכן אפסטעיט ניו יארק פאר די לאנד'ס קומענדיגע וויכטיגע צענטער פאר ערפינדערישע ביזנעסער פון די 21'סטע יאר הונדערט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט די נייע ערשט-קלאסיגע איינריכטונג, וועט CenterState CEO קענען פארזעצן זייער וויכטיגע ארבעט צו אויסברייטערן די ערפינדונגען עקאנאמיע אין צענטראל ניו יארק און ארויפשטעלן פארשפרעכנדע ביזנעסער וועלכע געפונען זיך אין די פריע שטאפלען אויף די רעלסן צו הצלחה. מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו שטיצן פראיעקטן וועלכע טרייבן אויף וואוקס, גיבן די כלים פאר ביזנעסער און פרישע ביזנעסלייט צו מצליח זיין און פארשטערקערן די לאקאלע עקאנאמיע."

INSPYRE פראגראם בענעפיטן רעכנענען אריין די מעגליכקייט צו פארבינדן ווערן מיט עקספערטן און אנדערע גרונדער צו ערפילן די פארשידנארטיגע באדערפענישן פון צענטראל ניו יארקע פרישע ביזנעסלייט אריבער א ברייטע רייע פון אינדוסטריעס; צושטעלן עקזעקיוטיוו אדווייזארס; שטיצע מיט מארקעטינג און אויפטרייבן געלט; און אפהאלטן אינדוסטריע-קאנצענטרירטע געשעענישן; און אזוי אויך צוטריט צו פלאטפארמעס ווי PitchBook און אייגנארטיגע פינאנצירונג געלעגנהייטן.

INSPYRE וועט פארזעצן צו זיין די צענטעראלע פלאץ פון דעם GENIUS NY פראגראם, די וועלט'ס גרעסטע ביזנעס 'עקסעלערעיטאר' (פראגראם צו פארשנעלערן ביזנעס וואוקס) פאר די מאנשאפט-לאזע סיסטעמען און ראבאטיקס אינדוסטריע. זינט 2017 האט GENIUS NY אינוועסטירט נאענט צו 24 מיליאן דאלאר אין 42 פירמעס פון ארום די וועלט, און די פירמעס וועלכע האבן אנטייל גענומען האבן אויפגעטריבן מער פון 350 מיליאן דאלאר אין שפעטערע פינאנצירונג שטאפלען און געשאפן הונדערטע נייע דזשאבס אין ניו יארק סטעיט.

**CenterState CEO ציטווייליגער פרעזידענט, Ben Sio (בען סיאָו), האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר צענטראל ניו יארק'ס פרישע ביזנעסלייט צו האבן אן איינריכטונג וואס ערמעגליכט זיי צו פארווירקליכן זייערע טרוימען. די INSPYRE Innovation Hub שטעלט צו אויסגעברייטערטע הילפס-מיטלען, פראגראמען און באקוועמליכקייטן דאס צו טוהן. די פלאץ בויט ארויף אויף CenterState CEO'ס יארן פון ערפאלגרייכע ביזנעסלייט הילף פראגראמען און עס מאכט עס מער צוגענגליך פאר די גאנצע קאמיוניטי. ארבעטנדיג צוזאמען מיט אנדערע ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן אין דעם ראיאן'ס ברייטערע נעטווארק פון סטאַרט-אַפּס, וועט די INSPYRE Innovation Hub שטיצן ערפינדער פון אלע הינטערגרונטן און אין יעדע שטאפל פון ביזנעס אזוי ווי זיי פארעמען אויס די צוקונפט פון דעם ראיאן. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר שטיצע פאר די INSPYRE Innovation Hub און איר פארפליכטונג צו די וואוקס פון צענטראל ניו יארק."

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) שטעלט צו ביז אזויפיל ווי 16.6 מיליאן דאלאר פאר דעם פראיעקט דורך דעם ראיאן'ס CNY Rising ('צענטראל ניו יארק - זיך הייבנדיג') אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו (Upstate Revitalization Initiative). די סך הכל קאסטן פון דעם פראיעקט זענען באשטימט געווארן צו זיין 32 מיליאן דאלאר.

די אנגייענדע אויפלעבונג פון סירעקיוס'ס שטאט-צענטער איז אויך א הויפט פריאריטעט פון די צענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Central New York Regional Economic Development Council) — א שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס באשטייט פון לאקאלע עקספערטן און פארמישטע קערפערשאפטן פון ביזנעס, אקאדעמיע, לאקאלע רעגירונג און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס וועלכע ארבעטן איבער די וועג וויאזוי דער ראיאן אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורכן אוועקשטעלן א קאמיוניטי-באזירטע, לאקאל-געטריבענע צוגאנג כדי צו קענען ארויסבאקומען סטעיט מיטלען וועלכע זענען דא צו באקומען. די INSPYRE Innovation Hub שטיצט וויכטיגע קערפערשאפטן אין סירעקיוּס'ס שטאט-צענטער ווי די Marriott Syracuse Downtown האטעל און קאנווענטשען צענטער, בשעת'ן אויסברייטערן די מעגליכקייט פון די 'אינקיובעיטאר' צו אננעמען נייע קליענטן און העלפן ביזנעסער זיך אוועקשטעלן אין די ברייטערע קאמיוניטי.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די טראנספארמאטיווע INSPYRE Innovation Hub מיינט אז CenterState CEO קען פאראויס גיין מיט זייערע ערפארלגרייכע באמיאונגען צו שאפן אן אפילו מער פראדוקטיווע אטמאספערע פאר פרישע ביזנעסלייט, זיי העלפנדיג וואקסן און אנטוויקלען זייערע ערפינדערישע ביזנעס געדאנקען. ניו יארק סטעיט איז פארפליכטעט צו די אנגייענדע אויפלעבונג וואס

קומט פאר אין סירעקיוז'ס שטאט-צענטער, און די געוואלדיגע נייע פלאץ וועט דינען אלס א יסודות'דיגע עלעמענט פון די אויפלעבונג באמיאונגען."

**סטעיט סענאטארשע Rachel May (רעיטשעל מעי) האט געזאגט,** "די INSPYRE Innovation Hub איז א באדייטנדע דערגרייכונג פאר צענטראל ניו יארק, פארשטערקערנדיג אונזער רעפוטאציע אלס א קאמיוניטי וואס שטיצט שעפערישקייט און א ביזנעס גייסט בשעת'ן אויך שאפן נייע דזשאבס און אונטערטרייבן עקאנאמישע וואוקס. איך בין שטאלץ אז מיין אפיס האט פארזיכערט פינאנצירונג צו העלפן פארענדיגן דעם פראיעקט, און איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע שטיצע פון אונזער לאקאלע עקאנאמיע."

**סטעיט סענאטאר Chris Ryan (קריס רייען) האט געזאגט,** "די INSPYRE Innovation Hub איז מער פון סתם א געביידע — עס איז אן 'אינקיובעיטאר' פאר די צוקונפט פון צענטראל ניו יארק'ס עקאנאמיע. דורכן שטיצן פרישע ביזנעסלייט און וואקסנדע סטאַרט-אַפּס און דורכן ערמעגליכן צוזאמענארבעט, וועט די אינוועסטירונג פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט, שאפן נייע קאריערע געלעגנהייטן און האלטן טאלאנטפולע מענטשן אט דא אין אונזער ראיאן. פראיעקטן פון די סארט מאכן זיכער אז צענטראל ניו יארק היט אויף איר מעגליכקייט צו קאנקורירן אין די ערפינדונגען עקאנאמיע און אז אונזערע קאמיוניטיס באקומען א טייל פון די געלעגנהייטן וואס דאס שאפט."

**אסעמבלי מיטגליד William B. Magnarelli (וויליאם ב. מאגנארעלי) האט געזאגט,** "די עפענונג פון די INSPYRE Innovation Hub זעצט פאר די אויפלעבונג פון סירעקיוז'ס שטאט-צענטער, ברענגענדיג די ערשט-קלאסיגע ביזנעס 'אינקיובעיטאר' און 'עקסעלערעיטאר' פאר פילאטלאזע לופט פלי-צייג סיסטעמען צו די שטאט-צענטער, זיכער מאכנדיג אז פרישע ביזנעסלייט וועלן האבן די פלאץ צו מאכן די פירמעס פון די צוקונפט וואקסן דא אין צענטראל ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגלידערין Pamela Hunter (פאמעלא האַנטער) האט געזאגט,** "די INSPYRE Innovation Hub איז א ביישפיל פון די בעסטע וואס מיר קענען ערגרייכן ווען מיר אינוועסטירן אין מענטשן, געדאנקען און די צוקונפט פון אונזער ראיאן. דורכן אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר פרישע ביזנעסלייט און ערמעגליכן צוזאמענארבעט צווישן אינדוסטריעס, טוט די איינריכטונג פארשטערקערן סירעקיוז'ס שטאט-צענטער און העלפט זיכער מאכן אז צענטראל ניו יארק פארבלייבט א פירערין אין ערפינדונג און עקאנאמישע וואוקס. איך בין שטאלץ צו שטיצן דעם פראיעקט און די פארשפרעך וואס עס האט פאר אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד Al Stirpe (על סטירפּ) האט געזאגט,** "אלס א געוועזענער סטאַרט-אַפּ ביזנעס אייגנטומער און אלס פארזיצער פון די עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיטע אין די אסעמבלי, ווייס איך ערשט-האנטיג ווי קריטיש עס איז צו שטיצן ערפינדונג און גיבן פאר פרישע ביזנעסלייט די פלאץ וואס זיי דארפן צו וואקסן. די אויסברייטערונג פון INSPYRE Innovation Hub o'CenterState CEO וועט ארויפבויען אויף די וויכטיגע ארבעט, אוועקשטעלנדיג די סטעיט'ס גרעסטע ביזנעס 'עקסעלערעיטאר' פראגראם און ארויפלייגן צענטראל ניו יארק אויפן מאפע. סטארט-אַפּס וועלכע זוכן פאר די בעסטע פלאץ צו אוועקשטעלן זייער ביזנעס וועלן עס טרעפן אט דא אין צענטראל ניו יארק, באקומענדיג צוטריט צו ערשט-קלאסיגע כלים, מיטלען און מומחיות צו האבן גרויסע טרוימען און זיי מאכן געשעהן."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי עקזעקיוטיוו Ryan McMahon (רייען מעקמעהאן) האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א מהפכה. די INSPYRE Innovation Hub דינט אלס א זעהבארע דערמאנונג איבער די שוואונג וואס איז אונטערוועגנס נישט נאר אין צענטראל ניו יארק בכלל, נאר אין סירעקיוז'ס שטאט-צענטער בפרט. די מולטי-מיליאן-דאלארדיגע אינוועסטירונג ערמעגליכט די שוין-יעצט ערפאלגרייכע 'אינקיובעיטאר' צו צושטעלן מער געלעגנהייטן און אפילו א בעסערע ערפארונג פאר זייערע מיטגלידער

— פאראויס-טראכטנדע פרישע ביזנעסלייט וועלכע זוכן צו פארגרעסערן זייער ביזנעס אין דעם ראיאן. איך וויל באדאנקען די גאווערנער, און אזוי אויך אלע אונזערע שותפים, פארן שטיצן אונזער אנגייענדע פארפליכטונג צו אויפלעבן און באררייכערן די שטאט-צענטער ערפארונג פאר ארבייטער און איינוואוינער צוגלייך."

**סירעקיוז מעיאר Ben Walsh (בען וואַלש) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו זעהן די INSPYRE Innovation Hub אין סירעקיוז'ס שטאט-צענטער אלס די הארץ פון וואוקס און געלעגנהייט אין דעם ראיאן. אלס די גרעסטע ביזנעס 'אינקיובעיטאר' אין ניו יארק, איז די צענטער א גרויסע אינוועסטירונג אין דאס צוציהען פרישע- און אנהאלטן עקזיסטירנדע- ערפינדונג און טאלאנט אין אונזער ראיאן. די 90,000 סקווער-פיסיגע איינריכטונג איז טייל פון אונזער Syracuse Surge סטראטעגיע פאר וואוקס וואס נעמט יעדן איינעם אריין אין די נייע עקאנאמיע, און עס וועט ערמעגליכן פאר אונזערע שותפים ביי CenterState CEO צו פארזעצן טראנספארמאטיווע פראגראמען פאר פרישע ביזנעסלייט און ביזנעסער פון פארשידענע מאסן, שטאפלען, אינדוסטריעס און הונטערגרונטן. א דאנק פאר ניו יארק סטעיט און אלע אונזערע שותפים פארן מאכן סירעקיוז פאר די פלאץ וואו פרישע ביזנעסלייט קענען איבערשטייגן פריערדיגע גרעניצן."

**צענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פארזיצער, Randy Wolken (רענדי וואלקען), פרעזידענט און CEO פון MACNY, The Manufacturers Association, און די פרעזידענט פון די Le Moyne קאלעדזש, Linda M. LeMura (לינדע מ. לעמורא), האבן געזאגט,** "מיר ווילן באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר אירע אנגייענדע באמיאונגען אונז צו העלפן פארווירקליכן אונזער קאנצענטרירטע חזון פאר דעם ראיאן. די INSPYRE Innovation Hub פארשטערקערט די חזון דורכן שטיצן אן ערשט-קלאסיגע אטמאספערע פון ערפינדונג פירמעס, מוטיגן א ביזנעס גייסט, טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און העלפן צענטראל ניו יארק פארזעצן צו שטייגן."

פאר מער אינפארמאציע איבער די INSPYRE Innovation Hub, באזוכט: [https://inspyrehub.com/](https://inspyrehub.com/).

פאר מער אינפארמאציע איבער CenterState CEO, באזוכט: [https://centerstateceo.com/](https://centerstateceo.com/).

**פארשנעלערן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין צענטראלע NY**
די היינטיגע אויסרוף באגלייט "CNY Rising" די ראיאן'ס ברייטע פלאן צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפעניורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא](#).

**וועגן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און שטופט פאראויס ביזנעס וואוקס, שאפן ארבעט, און גרעסערע עקאנאמישע געלעגנהייטן דורכאויס די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די [ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils)](#), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development). די אגענטורארבעט מיט נייע און קומענדיגע גענעראציאנען אינדוסטריס אזוויי ריינע ענערגיע און סעמיקאנדוקטאר פאבריצירונג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, אפערירט א נעץ פון הילף צענטערס צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און שטופט פאראויס די סטעיט'ס וועלט

קלאס טוריזם דעסטינאציעס דורך I LOVE NY. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע esd.ny.gov און פארבינדט זיך מיט די ESD אויף LinkedIn, Facebook און X.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן